**גאווערנער קעטי האקול** **איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/21/2025

**גאווערנער האקול אנאנסירט פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע צו אפפערן פעדעראלע הילף פאר איינוואוינער און ביזנעס אייגנטימער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען אין יוני**

***היים אייגנטימער, טענאנטס און ביזנעס אייגנטימער אין מעדיסאן, שענענגאָו, קאָרטלאנד, אניידע, אָנאָנדאַגא, אסוויגאָו און אָטסעיגאָו קאונטיס קענען אפלייען פאר הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט פון די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע***

[***הלוואה אפליקאציעס פארעפנטליכט אנליין***]()

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז פעדעראלע הילף איז דא צו באקומען פאר ניו יארקער אין מעדיסאן קאונטי (Madison County) און אזוי אויך די דערנעבנדע קאונטיס פון שענענגאָו (Chenango), קאָרטלאנד (Cortland), אניידע (Oneida), אָנאָנדאַגא (Onondaga), אסוויגאָו (Oswego) און אָטסעיגאָו (Otsego). היים אייגנטימער, טענאנטס און ביזנעס אייגנטימער זענען יעצט בארעכטיגט צו אפלייען פאר הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט פון די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע (Small Business Administration, SBA) כדי זיי ארויסצוהעלפן זיך צו ערהוילן פון די ווירקונגען פון די שטורעמעס וועלכע האבן אנגעברענגט באדייטנדע שאדנס צו היימער און ביזנעסער אום יוני 22.

"פארלייכטערונג איז יעצט דא צו באקומען פאר ניו יארקער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שטורעמעס פריער דעם זומער", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך מוטיג שטארק היים אייגנטימער, טענאנטס און ביזנעס אייגנטימער וועלכע ערהוילן זיך פון שאדנס פון די שטורעם צו אויסנוצן דעם הילף פראגראם."

**סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "דעם יוני, זענען היימער און ביזנעסער אריבער צענטראל ניו יארק (Central NY) און די מאוהאק וואלי (Mohawk Valley) באטראפן געווארן דורך קאטאסטראפישע פארפלייצונגען און ווינטן אזוי שטארק ווי א טארנאדא אנגעברענגט דורך שווערע וועטער. יעצט עפענען מיר פעדעראלע הילפס-מיטלען כדי היים אייגנטימער און ביזנעס אייגנטימער זאלן קענען צוקומען צו הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט דורך די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע זיך צו ערהוילן פון די שטורעמעס, מאכן קריטישע פאררעכטונגען און ערזעצן געשעדיגטע פארמעגנס. איך וועל קיינמאל נישט אויפהערן קעמפן צו צוריק אוועקשטעלן מענטשן און ביזנעסער אויף זייערע פיס נאכפאלגנדיג די חורבנות-אנזייענדע שטורעם און צו העלפן קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שווערע וועטער אין אפסטעיט ניו יארק (Upstate New York) זיך צוריק אויפצובויען שטערקער פון בעפאר."

**סענאטארשע Kirsten Gillibrand (קירסטען דזשיליבראנד) האט געזאגט,** "קאמיוניטיס אין און ארום צענטראל ניו יארק ערהוילן זיך נאכאלץ פון די שאדן וואס איז אנגעברענגט געווארן דורך שטורעמעס און פארפלייצונגען פריער דעם זומער. היינט בין איך דאנקבאר אז איינוואוינער און קליינע ביזנעסער וועלן קענען באקומען די פעדעראלע שטיצע וואס זיי דארפן. אזוי ווי קלימאט טויש זעצט פאר צו פאראורזאכן אז וועטערס פון סארט זאלן ווערן אפטער און שווערער, וועל איך פארזעצן צו קעמפן צו זיכער מאכן אז פאמיליעס, היים אייגנטימער און קליינע ביזנעסער האבן צוטריט צו די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן צוזיך צו ערהוילן און צו בליהען."

**קאנגרעסמאן John W. Mannion (דזשאן וו. מעניאן) האט געזאגט,** "איך בין באקאנט מיט די שוועריגקייטן וועלכע פילע זעצן פאר צו אויסשטיין צוליב יוני'ס שווערע שטורעמעס, און דערפאר האב איך געקעמפט צו זיכער מאכן אז אונזערע לאקאלע קאונטיס ווערן אריינגערעכנט אין די דעקלעראציע. פעדעראלע קאטאסטראפע פארלייכטערונג איז איינס פון די וויכטיגסטע כלים וואס מיר האבן צו העלפן פאמיליעס און ביזנעסער זיך צו ערהוילן, און מיין אפיס איז דא צו העלפן סיי וועם אין די NY-22 דיסטריקט וואס דארף הילף זיך אן עצה צו גיבן מיט דעם אפליקאציע פראצעדור אדער זיך צו פארזיכערן די שטיצע."

היים אייגנטימער, טענאנטס און ביזנעס אייגנטימער אין די דעקלערטע קאונטיס זענען יעצט בארעכטיגט פאר די SBA הלוואות. SBA הלוואות קענען זיין גאר בייהילפיג פאר בארעכטיגטע מענטשן/קערפערשאפטן וואס נויטיגן זיך אין פינאנציעלע הילף צו ארויפגיין אויף די רעלסן צו ערהוילונג, נאכפאלגנדיג וועטער-פארבינדענע קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס.

די פאלגענדע גרופעס קענען מעגליך זיין בארעכטיגט פאר הילף פון SBA קאטאסטראפע הלוואות:

- היים אייגנטומער: ביז $500,000 צו פאריכטן זייער הויפט וואוינארט.
- היים אייגנטומער און ארויסדינגער: ביז $100,000 צו פאריכטן אדער איבערזעצן געשעדיגטע אדער חרוב'ע פערזענליכע פראפערטי.
- ביזנעס אייגנטימער: ביז $2,000,000 צו ערזעצן ריעל עסטעיט שטח, זאפאסן, מאשינען, עקוויפמענט און אנדערע פיזישע פארלוסטן.
- ביזנעסער און נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס: עקאנאמישע וואונדן קאטאסטראפע הלוואות פאר ביז $2,000,000 צו צושטעלן די נויטיגע געלטער פאר אנגייענדע אפעראציעס ביז די אפעראציעס ווערן צוריק נארמאל נאך א קאטאסטראפע.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) קאמישאנער, Jackie Bray (דזשעקי ברעי), האט געזאגט,** "ניו יארקער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די שווערע וועטער אין יוני זאלן נעמען אין באטראכט צו אויסנוצן די פעדעראלע הלוואות מיט נידעריגע אינטערעסט. די הילף וועט אסאך אויפטוהן מיטן שטיצן היים אייגנטימער, טענאנטס און ביזנעסער אזוי ווי זיי ערהוילן זיך פון די שטורעמעס אין יוני."

ניו יארקער קענען טרעפן נאך אינפארמאציע, [דאונלאָודען אפליקאציעס און אפלייען אנליין](). אפליקאנטן קענען אויך רופן SBA'ס קאסטומער סערוויס צענטער אויף 659-2955 (800) אדער אימעיל disastercustomerservice@sba.gov. לאקאציעס פאר פערזענליכע הילף און אפליקאציעס וועלן געמאלדן ווערן אין די קומענדיגע טעג.

מענטשן וואס זענען טויב, הערן שוואך אדער האבן רעדן דיסאביליטיס קענען רופן 7-1-1 אנצוקומען צו די 'רילעי' סערוויסעס מיט הילף צו קאמוניקירן איבער די טעלעפאן.

די לעצטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר שאדנס צו פיזישע פארמעגנס איז אקטאבער 20, 2025.
די לעצטע טאג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר עקאנאמישע שאדן איז מאי 20, 2026.

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון — טערראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES פעיסבוק פעידזש, פאלגט נאך @NYSDHSES אויף X, אדער באזוכט dhses.ny.gov.

באקומט לעבעדיגע עמערדשענסי און וועטער אלערט טעקסט דירעקט צו אייער פאון. טעקסט אייער קאונטי אדער בארא וואו איר וואינט צו 333111 זיך איינצושרייבן יעצט. לערנט מער אויף dhses.ny.gov/emergency-alerts.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן